## מיכאל אַסטור (קאַלינסוויל, אילינאָי)

# די ייִדיש-וועלטלעכע ווילנע

## (שטריכן פֿון כאַראַקטעריסטיק)

וואָס איז אַזוינס וועטלעכע ייִדישקייט?

איצט, נאָכן איבערגעלעבטן חורבן, ווען זי געהערט — לפּחות ווי אַ מאַסן־דערשײַנונג — צום עבֿר מער ווי צום הווה, ווערט אויך איר פֿריִערדיקע ראָלע אין ייִדישן לעבן היפּש מינימיזירט. זי ווערט באַטראַכט ווי אַ קורצער זײַטיקער עפּיזאָד, אַן אָפּווײַך פֿונעם דרך־המלך אין דער לאַנגער ייִדישער געשיכטע. זי ווערט אַפֿילו אָפֿט מאָל דערקלערט פֿאַר אַ קינסטלעכער קאָנצעפּציע, וואָס איז אַרויס פֿונעם מוח פֿון איין טעאָרעטיקער — ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

אין די הײַנטצײַטיקע סטאַנדאַרטן, דער עיקר ענגליש געשריבענע, ייִדישע געשיכטעס געפֿינט דער קאַפּיטל וועלטלעכע ייִדישקייט כּמעט קיין אָרט ניט. צום טייל נעמט זיך עס פּשוט פֿונעם פֿאַקט, וואָס זייערע מחברים קענען ניט קיין ייִדיש. אַזעלכע געשיכטעס זײַנען געבויט אויפֿן טראַדיציאָנעלן קוק אויף ייִדנטום ווי אויף אַ רעליגיעזער גרופּע, מיטן צולייג פֿון ציוניזם ווי זײַן איינציקער ערדישער אויסדרוק. אי דאָס ווערט איצט ציוניזם באַנומען דער עיקר אינעם אַספּעקט פֿון זײַנע רעליגיעזע וואָרצלען און מאָטיווירונגען.

אַ סך פֿון די פֿאַרבליבענע וועטעראַנען פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער באַוועגונג קוקן צוריק אויף איר בליצײַט דורך דער פּריזמע פֿון דורכגעלעבטע פֿרוסטראַציעס. זיי זײַנען נוטה מסכּים צו זײַן מיט די קריטיקערס און טוען רעטראָספּעקטיווע תּשובֿה. דערמיט ווײַזן זיי אַרויס אַ דוחק פֿון היסטאָרישער פֿאַרשטענדעניש. געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן דאַרפֿן באַטראַכט ווערן אין זייער רעאַלן געשיכטלעכן קאָנטעקסט.

בלי ספֿק האָט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, מיט זײַן אינטעלעקטועלן גלאַנץ, דורכדרינגענדיקן אַנאַליז און אידעאָלאָגישער קאָנסטרוקטיווקייט, געגעבן דער ייִדיש־וועלטלעכער ריכטונג אַ קאָנסעקווענטע פּראָגראַם, וואָס האָט איר שטאַרק געהאָלפֿן צו פֿאַרשטיין איר אייגענעם מהות און צו פּלאַנירן אירע דרכים. אָבער ער האָט זי ניט אויסגעקלערט, ווי די אוטאָפּיסטן פֿלעגן בשעתּם אויסאַרבעטן פּרטימדיקע פּלענער פֿון אַן אידעאַלער אָרדענונג. ער האָט אָבסערווירט, אויפֿגעקלערט, סינטעטיזירט און באַגרינדעט רעאַלע פּראָצעסן, וואָס זײַנען זינט יאָרצענדליקער אין אַ גאָר ברייטן פֿאַרנעם אָנגעגאַנגען אויף דער ייִדישער גאַס און האָבן געהאַט זייערע געזעצמעסיקע יסודות אין דער





י. שאַצקי — קולטור-געשיכטע פֿון דער השׂכּלה אין ליטע
בוענאָס-איירעס 1950.

ישׂראל ביבער, ביאָלאָג, לערער. ...
יעקבֿ וויגאָדסקי (1855–1941), כּלל-טוער. ...
נפֿתּלי ווײַנג, פֿאָלקלאָריסט און קריטיקער. ... 1944. לערער.
יוסף יאַשונסקי — „אָרט-טוער"
ברוך כהן-ווילנער — פֿירער פֿון בונד ... 1936
... מאַרק
אַננאַ ראָזענטאַל — בונדישע פֿירערין. ...
אין ... ווילנע.

היסטאָרישער אַנטוויקלונג און געזעלשאַפטלעכער עקסיסטענץ פונעם פיל־מיליאָניקן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן קיבוץ.

ווי אַלע מאָדערנע ייִדישע ריכטונגען גייט די וועלטלעכע ייִדישקייט, אין דער אונטערשטער שורה, צוריק צו דער השׂכּלה־באַוועגונג פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. הײַנט האָט די השׂכּלה אַ שלעכטן שם צווישן ייִדן, מען שטרײַכט דער עיקר אונטער אירע נעגאַטיווע שטריכן, מען זעט אין איר קודם־כּל אַ דעסטרוקטיוון כּוח, וואָס האָט אונטערגעגראָבן די דורותדיקע סאָלידע פונדאַמענטן פון אַן אינטעגראַלן, פאַרזיכיקן ייִדישן ציבור־לעבן. אַזאַ קוק איז אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט פון נאָסטאַלגיע־שטימונגען. קיינער וועט זיך הײַנט ניט אויפשטעלן צו פאַרטיידיקן די השׂכּלה ווי זי שטייט און גייט, אָבער אירע באַשולדיקערס פאַרזעען די אומפאַרמײַדלעכקייט פון איר אויפקום און פירן ניט דורך קיין דיפערענצירונג צווישן די באַזונדערע טענדענצן אין איר שויס. מען נעמט אויך ניט גענוג אין אַכט די דיאַלעקטיק אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון די אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער השׂכּלה־תּקופה.

אין אַנאַטאָל פראַנסעס היסטאָריש־פילאָסאָפישער דערציילונג אויפן ווײַסן שטיין זאָגט איינער פון די פּערסאָנאַזשן אַרויס אַזאַ געדאַנק וועגן „וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס“:

„די אַלע געזעלשאַפטן הערן געוויינטלעך גאַנץ גיך אויף צו ענטפערן די כּוונות פון זייערע פאַרלייגערס און פאַרוואַנדלען זיך אָפט מאָל אין זייער אייגענעם היפּוך. אמת, אַפילו אין אַ סך יאָרן אַרום קאָן מען נאָך לויט געוויסע סימנים דערקענען זייער תּחילתדיקן ציל“. אָט דער סתּירותדיקער און דאָך דער זעלבער אײַנהײַטלעכער פּראָצעס פון איבערבײַט בתוך המשכדיקייט האָט געפונען אַ בולטן אויסדרוק אינעם בהדרגהדיקן איבערגאַנג פון דער קלאַסישער השׂכּלה פון די אַכצן זעכציקער יאָרן צו דער אויסגעפורעמטער וועלטלעכער ייִדישקייט פון די נײַנצן צוואַנציקער און נײַנצן דרײַסיקער.

די ייִדיש־וועלטלעכע באַוועגונג איז געווען ברייט פאַרשפּרייט איבער שטעט און שטעטלעך פון מיזרח־אייראָפּע און אין די נײַע ייִדישע ייִשובֿים מעבֿר־לים, אָבער סײַ דעמאָלט, סײַ שפּעטער, אין דער היסטאָרישער רעטראָספּעקטיוו, האָט מען דווקא אויף ווילנע געקוקט ווי אויף איר כאַראַקטעריסטישן צענטער. אין ווילנע, קלאָרער ווי אַנדערש ווו, האָט מען געקאָנט אָבסערווירן די וועלטלעכע ייִדישקייט ניט אין טעאָריע און ניט אין די ראַמען פון ליטעראַרישע קלובן און פאַרטייקרײַזן, נאָר אויף דער פּראַקטיק פון מאַסן־לעבן, ווי אַן אָרגאַנישן פילזײַטיקן יש.

וואָס איז געווען דער סוד פון דער ייִדישער ווילנע? וואָס אַזוינס האָט זי פאַרמאָגט, וואָס עס האָט אויסגעפעלט אין אַנדערע ייִדישע קהילות פון





מיזרח־אייראָפּע? אין גרעסערע צענטערס איז געווען מער שווונג און פאַרנעם און ניט ווייניקער טאַלאַנטירטע יחידים. לויט דער פאָלקסציילונג פון 1931 האָט ווילנע פאַרמאָגט בסך־הכּל 55,000 ייִדן — כּמעט פיר מאָל ווייניקער ווי לאָדזש, כּמעט זיבן מאָל ווייניקער ווי וואַרשע. דערבײַ האָט מען ווײַט ניט אַלע ווילנער ייִדן געקאָנט פאַררעכענען צום ייִדיש־וועלטלעכן סעקטאָר: עס זײַנען אויך געווען גענוג גוט פאַרטראָטן די ציוניסטיש־העברעיִסטישע און טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסישע קרײַזן. פון דעסט וועגן האָט מען ניט געמאַכט קיין טעות, ווען מען האָט אָנגערופן ווילנע „די ייִדישיסטישע מעקאַ“. אירע געסט פלעגן גלײַך דערשפּירן איר אייגנאַרטיקע אַטמאָספער. מען וואָלט זי אפשר געקאָנט דעפינירן ווי אַ באַזונדערס הויכע מדרגה פון נאַציאָנאַל־קולטורעלן אַליין־אויסקום, אַ באַזונדערס אינטענסיווער ריטעם פון פאַרשיידן־מיניקע פאָלקס־אַקטיוויטעטן בײַ אַן אויסנעמיק הויכער באַטייליקונג פון דער מאַסע.

אין ווילנע האָט אַסימילאַציע תּמיד געהאַט אַ קלענערע שליטה ווי ווו עס איז אַנדערש. מען האָט דאָס געפרווווט דערקלערן מיט אַ נידעריקן קולטורעלן ניוואָ פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. קאָן מען בכלל מסופּק זײַן, צי ס׳איז פאַראַן אַ מעכאַנישע אָפּהענגיקייט פון דעם מין, אַזוי ווי ייִדישקייט וואָלט געווען אײַז אָדער וואַקס, וואָס קאָן זיך האַלטן נאָר בײַ נידעריקע טעמפּעראַטורן און מוז צערונגען ווערן בײַ העכערע. בנוגע ווילנע איז די דאָזיקע שיטה סתּם ניט ריכטיק. וואָס שייך דער דאָרפישער באַפעלקערונג, קאָן מען ניט אײַנזען קיין באַמערקלעכן אונטערשייד אין קולטור־ניוואָ צווישן די קרוינ־פּוילישע און די ליטוויש־רײַסישע פּויערים. וואָס שייך ווידער דער שטאָט גופא, איז ווילנע געווען אַן אַלטער און אָנגעזעענער צענטער פון דרײַ נאַציאָנאַלע קולטורן — פון דער ליטווישער, ווײַסרוסישער און קודם־כּל פון דער פּוילישער. אַ היסטאָרישע קרוינשטאָט, אַן אוניווערסיטעט־שטאָט זינט דעם זעכצנטן יאָרהונדערט, איז ווילנע פאַרצייכנט מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער ליטעראַטור, אַרכיטעקטור, מוזיק, וויסנשאַפט פון פּוילישן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן.

זאָל מען דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון ווילנער ייִדן צושרײַבן זייער „געטאָ“־איזאָלאַציע? אָבער אין ווילנע איז ניט געווען קיין געטאָ, נאָר אַ מיעוט ווילנער ייִדן האָט געוווינט אין די שמאָלע געסלעך פון דער אַלטער שטאָט. דער רובֿ איז געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער טעריטאָריע, מיט שטאַרקע קאָנצענטראַציעס פון יאָדערדיקע פאָלקס־עלעמענטן אין די פאָר־שטעט — גאָוויגאָרעד, זאַרעטשע, אַנטאָקאָל, סניפּישאָק, רוזעלע, ליפּווקע. איז די צוזאַמענדיקייט פונעם ווילנער ייִדישן כּלל געווען אַ פּועל־יוצא פון אַנטיסעמיטיזם (אַן אַנדער מאָדישע טעאָריע)? אָבער אין ווילנע און ווילנער

קאַנט איז ער געווען שוואַכער ווי אין קרוינפּוילן. ניט לייקענענדיק די ראָלע פֿון אויסווייניקסטע פֿאַקטאָרן אין דער אויספֿורעמונג פֿון ייִדישע רעגיאָנאַלע אייגנקייטן, דאַרף מען פֿון דעסט וועגן אָפּגעבן דעם אויבנאָן פֿאַר אינעווייניקסטע, היסטאָרישע סיבות.

קודם־כל איז ווילנע געווען ניט סתּם אַ מיטל גרויסע פּראָווינצשטאָט, נאָר די דורות לאַנגע קרוינשטאָט פֿונעם רחבֿותדיקן גרויס־פֿירשטנטום ליטע, די איינציקע גרעסערע שטאָט אויף זײַן טעריטאָריע. די דאָזיקע העגעמאָנישע שטעלונג האָט זי אײַנגעהאַלטן אויך אין דער רוסישער תּקופֿה, ווען זי איז געווען דער אַדמיניסטראַטיווער און עקאָנאָמישער צענטער פֿונעם צפֿון־מערבֿ־קאַנט — בלויז אַן אַנדער נאָמען פֿאַרן אַמאָליקן גרויס־פֿירשטנטום. דער סוף פֿון דער אַלטער היסטאָרישער ליטע איז פֿאַקטיש געקומען ערשט אין 20־1918, ווען זי איז צעטיילט געוואָרן צווישן ליטע, לעטלאַנד, פּוילן און סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פֿאַר ווילנע, בפֿרט פֿאַר דער ייִדישער ווילנע, אָבער איר לאַנגע געשיכטע און איר אַקומולירטער געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלער קאַפּיטאַל זײַנען איר בײַגעשטאַנען אויך אין די פֿאַרערגערטע באַדינגונגען פֿונעם צווישן־מלחמה־פּעריאָד.

די צענטראַלע לאַגע פֿון ווילנע האָט גורם געווען, אַז זי איז לפֿי־ערך פֿרי געוואָרן אַ וויכטיקע ייִדישע מעטראָפּאָליע, וואָס האָט איבערגענומען דעם אויטאָריטעט פֿון די היסטאָריש עלטערע קהילות פֿון בריסק, גראָדנע און סלוצק. אָבער ווילנע איז געווען דער צענטער פֿון אַן אָרעמען קאַנט און איז אין אירע בעסטע יאָרן ניט געווען קיין רײַכע אינדוסטריעלע שטאָט. זי האָט ניט צוגעצויגן צו זיך קיין המונים ייִדישע איבערוואַנדערערס פֿון אַלע עקן רוסלאַנד, ווי דאָס איז געשען מיט די שטורמיש וואַקסנדיקע אַדעס אָדער לאָדזש. זי איז ניט געוואָרן קיין שמעלצטאָפּ פֿון פֿאַרשיידן־מיניקע עלעמענטן, אָפּגעריסענע פֿון זייערע סבֿיבֿות. די ווילנער באַפֿעלקערונג איז געווען האָמאָגענער ווי אין אַנדערע גרעסערע שטעט. אַ פּאַמעלעכער כּסדרדיקער צושטראָם איז געגאַנגען פֿון די אַרומיקע ליטווישע שטעטלעך, וואָס האָבן תּמיד גראַוויטירט צו ווילנע. די אימיגראַציע פֿון מער דערווײַטערטע מקומות איז געווען אַ סעלעקטיווע — זי איז דער עיקר באַשטאַנען פֿון אינטעלעקטועלע עלעמענטן. קיין ווילנע איז מען ניט געפֿאָרן נתעשר צו ווערן, מען האָט אין איר געזוכט גײַסטיקע ווערטן.

שוין צווישן 1620 און 1645, ווען ווילנע האָט געציילט ניט מער ווי 251 ייִדישע דירות, האָט זי פֿאַרמאָגט 40 באַרימטע תּלמידי־חכמים און האָט פֿאַרעפֿנטלעכט 30 אָריגינעלע חיבורים פֿון אייגענע מחברים. דער ווילנער גאָון האָט נאָך מער געהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון זײַן שטאָט און צוגעצויגן צו איר לומדים פֿונעם גאַנצן קאַנט. די ווילנער ייִדישע באַפֿעלקערונג, אַפֿילו די





אָרעמסטע, האָט אויסגעאַרבעט די טראַדיציע פֿון אונטערשטיצן מיט אַ ברייטער האַנט די ישיבֿות און זייערע תּלמידים. ניקאָלײַ דעם ערשטנס ייִדישע פּאָליטיק האָט פֿאַרשטאַרקט דעם באַטײַט פֿון ווילנע ווי אַ קולטורעלן צענטער. אַ צײַט לאַנג האָט ווילנע פֿאַרמאָגט די איינציקע דערלויבטע ייִדישע דרוקערײַ אינעם גאַנצן צפֿון־מערבֿ־קאַנט. אויך ווען די באַגרענעצונגען אויף ייִדישע דרוקערײַען זײַנען אַראָפּגענומען געוואָרן אונטער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, איז ווילנע פֿאַרבליבן אַן ערשטראַנגיקע פּאָליגראַפֿישע באַזע, במילא אַ ליטעראַרישער און פֿאַרלעגערישער צענטער. אין 1847 האָט די רוסישע רעגירונג געעפֿנט אין ווילנע איינע פֿון די צוויי ראַבינער־שולן פֿאַרן תּחום־המושבֿ, רעאָרגאַניזירט אין 1873 ווי דער ייִדישער לערער־אינסטיטוט. דער אינסטיטוט, וואָס זײַן אָפֿיציעלער ציל איז געווען צו פֿאַרשפּרייטן רוסיפֿיקאַציע צווישן די ייִדן, האָט יאָר אײַן, יאָר אויס צוגעצויגן קיין ווילנע אַ צאָל וויסן־גיריקע יונגע מענטשן פֿון אַנדערע שטעט און שטעטלעך און האָט דערצויגן די ערשטע קאַדערס פֿון וועלטלעך אויסגעשולטער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אין איר רובֿ (ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער) פֿאָרט ניט אָפּגעריסן פֿון אירע פֿאָלקסוואָרצלען.

אינעם גרויסן רעליגיעזן קאַמף פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט איז ווילנע געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון מתנגדות. דאָס קאָנסערוואַטיווע מתנגדות האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גינציקערן באָדן פֿאַר השׂכּלה ווי דאָס חסידות מיט זײַן מורדישן אָנהייב. מתנגדות האָט ניט פֿאַרמאָגט דעם עלעמענט פֿון מיסטיק, איראַציאָנעלקייט, בלינדן אויטאָריטעט פֿון יחיד. דער ווילנער גאָון האָט אונטערגעשטראָכן, אַז וויסן, וואָס מען באַקומט פֿאַרטיקערהייט, אָן אייגענער אָנשטרענגונג, האָט קיין ממשות ניט. „איך בין אַ מתנגד, איך גלייב נאָר אין דעם, וואָס איך קאָן אַליין דערגיין" — אָט די אײַנשטעלונג האָט געעפֿנט אַ וועג מחוצן גדר פֿון ריין רעליגיעזע השׂגות. דעם גאָונס ראַציאָנאַליזם, זײַן אינטערעס צו וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, זײַן פּרוּוו צו רעפֿאָרמירן די טראַדיציאָנאַלע ייִדישע דערציִונג האָבן קעגן זײַנע כּוונות לײַכטער געמאַכט דעם איבערגאַנג צו נײַע השקפֿות. פֿון איר זײַט איז אויך די ווילנער השׂכּלה געווען אַ סך אָפּגעהיטער און אײַנגעהאַלטענער אין איר קריטיק פֿון דער אַלטער וועלט ווי, אַ שטייגער, די שטורעמדיקע גאַליציאַנער השׂכּלה. דער קאַמף צווישן אָרטאָדאָקסיע און אויפֿקלערונג איז אין ווילנע דורכגעגאַנגען מיט ווייניקער פֿאַרביטערונג ווי אין די חסידישע געגנטן. אין דעם ליגט איינע פֿון די סיבות פֿון ווילנעס ספּעציפֿישקייט לגבי אַנדערע ייִדישע שטעט: „אין ווילנע זײַנען צונויפֿגעפֿאָרט ייִדישע טראַדיציע און ייִדישע הײַנטיקייט", האָט ד"ר מאַקס ווײַנרײַך געשריבן אין 1935.

בעתן פּוילישן אויפֿשטאַנד פֿון 1863־64 האָבן זיך ניט נאָר די משׂכּילישע סקאַרבאָווע פּאַטריאָטן אַרויסגעזאָגט פֿאַר רוסלאַנד, נאָר דאָס איז אויך געווען די שטעלונג פֿון דער ווילנער ייִדישער באַפֿעלקערונג, און די זעלבע אָריענטאַציע האָט זי אײַנגעהאַלטן ביז דער אײַנגלידערונג פֿון ווילנע אין דער אויפֿגעלעבטער פּוילישער מלוכה. דאָס האָט נייטראַליזירט די מעגלעכע שפּראַכלעך־קולטורעלע השפּעות מצד דער שכנישער פּוילישער באַפֿעלקערונג. אין פֿלוג גענומען האָט דאָס געדאַרפֿט שטאַרקן דעם פּראָצעס פֿון רוסיפֿיקאַציע, אָבער אין ווילנע און אַרום ווילנע איז כּמעט ניט געווען קיין רוסן פֿון וועמען איבערצונעמען די גערעדטע שפּראַך, און במילא איז די ווירקונג פֿון רוסיש געווען שוואַך. בעת דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1897 האָבן 2000 ווילנער ייִדן אָנגעגעבן רוסיש ווי זייער מוטערשפּראַך, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט בלויז 3 פּראָצענט פֿון דער ווילנער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אָבער 97 פּראָצענט האָבן אָנגעגעבן ייִדיש. אויב מען נעמט דערבײַ אין אַכט, אַז אין יענעם יאָר האָבן ייִדן באַטראָפֿן 41 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער שטאָט־באַפֿעלקערונג, קאָן מען פֿאַרשטיין דעם באַטײַט פֿון ייִדיש אינעם לעבן פֿון אָט דעם קאָמפּאַקטן און אַקטיוון קיבוץ און די נויטווענדיקייט פֿאַר דער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָט יאָ באַהערשט רוסיש, צו קענען און צו באַנוצן זיך מיט ייִדיש אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

זינט די אַכצן זיבעציקער יאָרן איז ווילנע געוואָרן איינער פֿון די וויכטיקסטע צענטערס פֿון ייִדישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. אין ווילנע איז אויפֿגעקומען דאָס ערשטע סאָציאַליסטישע קרײַזל בראָש מיט אַהרן זונדעלעוויטש און אַהרן ליבערמאַן. ווילנע איז אויך געווען פֿאַרטראָטן אין דער „עם עולם“־באַוועגונג. זי איז געווען פֿון די ערשטע שטעט, וווּ עס האָבן זיך אָרגאַניזירט ייִדישע אַרבעטער־גרופּעס. ניט צופֿעליק איז דער גרינדונגצוזאַמענפֿאָר פֿונעם „בונד“ אין 1897 פֿאָרגעקומען אין ווילנע. בעתן גרויסן געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿשטײַג פֿון 1905־06 איז ווילנע פֿאַקטיש געוואָרן די פּאָליטישע קרוינשטאָט פֿונעם פֿינפֿמיליאָניקן רוסיש־ייִדישן קיבוץ. דאָרט האָבן זיך עטאַבלירט דער ציוניסטישער אַדמיניסטראַטיווער צענטער פֿאַר רוסלאַנד און די צענטראַל־קאָמיטעטן פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען „בונד“, ס״ס און י״ס; דאָרט זײַנען אויך אַרויס די צענטראַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען.

אַזוי אַרום האָט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער ווילנע צוגעגרייט זי צו איר ראָלע אינעם ייִדישן לעבן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. „ווילנע האָט געבראַכט צילבאַוווּסטקייט, אָרגאַניזירטקייט“, האָט געשריבן ש. מענדעלסאָן: „אַ סטיכיע האָט זיך באַוויזן, — ווילנע האָט [זי] געצוימט, געגעבן אַ ריכטונג, אַ וועג“. פֿאַר אָט דער אָרגאַניזיר־ און אָנפֿיר־אַרבעט האָט ווילנע ניט נאָר אויסגעהאָדעוועט די געהעריקע קאַדערס, נאָר אויך צונויפּ־





געצויגן זיי ווי מיט אַ מאַגנעט פֿון אַ ברייטן געאָגראַפֿישן שטח. מען האָט שוין אָנגעוויזן אין דער ליטעראַטור וועגן ווילנע, אַז אַ סך פֿון אירע אָנפֿירנדיקע טוערס זײַנען געווען ווילנער ניט לויטן געבורט, נאָר לויטן אויסקלײַב. צו אָט די „נאַטוראַליזירטע“ ווילנער האָבן צווישן פֿיל אַנדערע געהערט די כּלל־טוערס, וויסנשאַפֿטלערס, שרײַבערס און פּעדאַגאָגן ישׂראל ביבער, אַבֿרהם גאָלאָמב, ד״ר יעקבֿ וויגאָדסקי, אַ. ווײַטער, נפֿתּלי ווײַניג, ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, יוסף טשערניכאָוו, יוסף יאַשונסקי, ברוך כּהן־ווירגילי, חייקל לונסקי, אַהרן מאַרק, שמואל ניגער, מאַקס עריק, שמואל־לייב ציטראָן, משה קולבאַק, זעליק קלמנאָוויטש, באָריס קלעצקין, אַרקאַדי קרעמער, אַבֿנאַ ראָזענטאַל, זלמן רייזען.

דער ווינקלשטיין פֿון דער נײַער ייִדישער קולטור — די וועלטלעכע שול אין דער מוטערשפּראַך — איז אין ווילנע פֿאַרלייגט געוואָרן אויף אַ באַזונדערס סאָלידן און אָרגאַניזירטן אופֿן. דער צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט (צבּ״ק) האָט געהאַט אַ ברייטערע באַזע ווי די ציש״אָ־שולן אין פּוילן. יענע האָט מען אין דער שמועסשפּראַך געווייִנטלעך אָנגערופֿן „בונדישע שולן“, און ניט אָן אַ יסוד. אָבער אַפֿילו קעגנערס האָבן ניט געקאָנט אָנווענדן דעם דאָזיקן עפּיטעט לגבי די צבּ״ק־שולן אין ווילנע, הגם אויך אין זיי האָט דער „בונד“ גענומען אַן אָנגעזעענעם אָנטייל. אין ווילנע זײַנען ייִדיש־וועלטלעכע שולן געווען אַ פֿאָלקסזאַך, ניט קיין פּאַרטייזאַך, און זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלער תּוכן איז געווען אַ טיפֿערער ווי אין אַנדערע ראַיאָנען פֿון פּוילן. צו דער נעץ פֿאָלקשולן איז אין ווילנע צוגעקומען די ערשטע (און בײַם סוף דרײַסיקער יאָרן די איינציקע) ייִדיש־וועלטלעכע גימנאַזיע אין פּוילן און מיט צוויי יאָר שפּעטער דער ייִדישער לערער־סעמינאַר, וואָס האָט אין די צען יאָר פֿון זײַן עקסיסטענץ (1921־1931) באַזאָרגט מיט אידעאַליסטישע, איבערגעגעבענע לערערס דאָס ייִדישע שולוועזן אינעם גאַנצן לאַנד.

בײַם בראשית פֿון דער נײַער ייִדישער שול אין ווילנע לאָזט זיך באַמערקן דער פֿריִער דערמאָנטער דיאַלעקטישער פּראָצעס פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלן המשך און אינעווייניקסטן איבערבײַט. די חבֿרה „מפֿיצי־השׂכּלה“, פֿאַרלייגט אין 1863, „צו פֿאַרשפּרייטן די רוסישע שפּראַך צווישן ייִדן“, האָט אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה געבויט שולן מיט דער ייִדישער לימוד־שפּראַך. די ערשטע לערער־ און אָנפֿירער־קאַדערס פֿון די נײַע ייִדישוועלטלעכע שולן האָבן זיך רעקרוטירט פֿון צווישן די אַביטוריענטן פֿונעם ווילנער ייִדישן לערער־אינסטיטוט, וואָס איז בשעתו געשאַפֿן געוואָרן מיטן ציל אַרויסצושטויסן דעם „מיאוסן זשאַרגאָן“. דער „אָרט“, געגרינדעט אין 1879־80 דורך אַ גרופּע פּעטערבורגער ייִדישע פּלוטאָקראַטן, האָט זיך פֿאַר־

וואַנדלט אין אַ פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציע, און אין זײַן ווילנער ייִדישן טעכניקום (געעפֿנט אין 1921) איז די גאַנצע לערן־פּראָגראַם געווען אויף ייִדיש.

דאָס רובֿ משׂכּילים האָבן געקוקט אויף רעפֿאָרמירן דאָס ייִדישע לעבן קודם־כּל ווי אויף אַ מיטל צו דערגרייכן בירגערלעכע גלײַך־באַרעכטיקונג. דעם טראָפּ האָט מען געשטעלט אויף דער ייִדישער ניט־צוגעגרייטקייט צו גלײַכע רעכט. דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף ערשט ראָוי ווערן צו אָט דעם זכות, דאַרף מיט זײַן אויפֿפֿיר באַווײַזן דעם מלך ירום הודו, אַז ייִדן פֿאַרדינען דעם דאָזיקן חסד. וואָס וועט זײַן נאָך דער עמאַנציפּאַציע — וועגן דעם האָבן די משׂכּילים ווייניק געזאָרגט. פֿאַר זיי האָט דאָס אויסגעזען ווי דאָס מילעניום, ווי דאָס אויפֿלייזן זיך פֿון אַלע סתּירות אין דער ייִדישער עקסיסטענץ, אייגנט־לעך ווי דער סוף פֿון דער עצם ייִדישער געשיכטע. לויטן אויסגעפּרוווטן מערבֿ־אייראָפּעיִשן רעצעפּט האָבן זיי עמאַנציפּאַציע אויפֿגענומען ווי אַטאָמי־זאַציע, ווי אינדיווידועלע אויסלייזונג. ייִדן, האָבן זיי געטענהט, דאַרפֿן ווערן „רוסים גמורים״, זיך „צונויפֿגיסן״ מיטן רוסישן פֿאָלק אין אַלץ, חוץ אַ רעדו־צירטער, דענאַציאָנאַליזירטער פֿאָרעם פֿון זייער רעליגיע.

ס'איז אויך געווען אַן אַנדער ריכטונג אין דער השׂכּלה, פֿון אָנהייב קוים צו באַמערקן. מען וואָלט זי געקאָנט אָנרופֿן פֿאָלקיסטישע אינעם ברייטן מיין פֿון אָט דעם וואָרט. איר תּמצית איז געלעגן אין דער איבערצײַגונג, אַז די ייִדן פֿון מיזרח־אייראָפּע קאָנען און דאַרפֿן אַרויפֿגיין אויף דער נײַער מדרגה ניט אײנציקווײַז, נאָר ווי אַ כּלל; ניט דורך אָפּטרייסלען זיך פֿון זייער פֿאָלקס־שפּראַך, פֿון זייערע פֿאָלקס־טראַדיציעס, נאָר דורך אויסבויען אויפֿן יסוד פֿון דער שפּראַך און פֿון די טראַדיציעס אַן אייגענע הײַנטצײַטיקע קולטור. אין די זעכציקער יאָרן האָט דאָס בולט באַנומען און אַרויסגעזאָגט נאָר דער „ערשטער ייִדישיסט״ יהושע־מרדכי ליפֿשיץ, אָבער זײַן השפּעה האָט מען צו פֿאַרדאַנקען דעם אויפֿקום פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע און דעם אָנהייב פֿון דער קייט קולטור־געשעענישן, וואָס האָט קולמינירט אינעם ייִדישיזם פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

עס איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס יהושע־מרדכי ליפֿשיץ איז געווען אַ סאָציאַ־ליסט און רעוואָלוציאָנער. עס איז דאָ אַ היסטאָריש שייכות צווישן ייִדישיזם און סאָציאַליזם. אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע מאַסן־באַזע האָט ייִדישיזם געקראָגן אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט מיטגעצויגן אַ מחנה ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, געגעבן איר אַ פֿעלד פֿון אַרבעט, וואָס איז געווען אי מאָדערן און פּראָגרעסיוו, אי ייִדיש־פֿאָלקיש. אין דער רוסלענדער אימפּעריע איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געווען דער אַוואַנגאַרד פֿונעם קאַמף פֿאַר דעמאָקראַטיע, פֿאַר פֿאַרוואַנדלען רוסלאַנד פֿון אַ פֿעלקער־תּפֿיסה אין אַ פֿעדעראַציע פֿון פֿרײַע און גלײַכע נאַציאָנאַליטעטן מיט אַ געהעריקן אָרט





אויך פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. דער גײַסט פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט געהאָלפֿן אויספֿורעמען די ייִדישיסטישע נאַציאָנאַלע אײַנשטעלונג, אָבער פֿאַר אַלע ייִדישיסטן, ניט נאָר סאָציאַליסטן, זײַנען ריכטיק ש. דובנאָווס ווערטער וועגן דעם ווילנער פֿאָלקיסטיש־דעמאָקראַטישן פֿירער ד״ר צמח שאַבאַד: „זײַן נאַציאָנאַליזם איז פֿרײַ פֿון יעדן שאָוויניזם און איז ריין הומאַניסטיש״. ניט יעדערער, וואָס האָט בשעתו געאָטעמט מיט דער ווילנער לופֿט, קאָן אָננעמען אַן אַנדער סאָרט נאַציאָנאַליזם.

וואָס איז געווען די צענטראַלע אַקס פֿון דער ייִדישער ווילנע — דאָס האָט צום בעסטן אויסגעדריקט משה קולבאַק אין זײַן פּאָעמע וועגן איר: „און ייִדיש איז דער פּראָסטער קראַנץ פֿון דעמבנבלעטער /אויף די אַרײַנגאַנגען די הייליק־וואָכיקע פֿון שטאָט). דאָס גרויע ייִדיש איז דאָס ליכט, וואָס פֿינקלט אין די פֿענצטער״. אין ווילנע איז ייִדיש צוגעקומען צום נאָענסטן צו דער ראָלע פֿונעם אינטעגראַלן און אוניווערסאַלן קולטור־מכשיר, וואָס די נאַציאָנאַלע שפּראַך שפּילט אין לעבן פֿון יעדן נאָרמאַלן פֿאָלק. מען פֿלעגט זאָגן, אַז ווילנער ייִדן „האָבן זיך אויסגעלעבט״ אין ייִדיש; דאָס האָט געהייסן, אַז דורך ייִדיש האָבן זיי געקאָנט באַפֿרידיקן אַלע זייערע געזעלשאַפֿטלעכע און גײַסטיקע הצטרכותן. דער דיאַפּאַזאָן פֿון ייִדיש האָט זיך געוואַלדיק פֿאַרברייטערט: ס'איז געוואָרן די שפּראַך ניט נאָר פֿון שטוב און גאַס, פֿון מאַרק און וואַר־שטאַט, נאָר אויך פֿון מאָדערנער דערציִונג, פֿון הומאַניסטישע און עקזאַקטע וויסנשאַפֿטן, פֿון טעאַטער, פֿון דער ראַפֿינירטסטער פּאָעזיע, פּאַרטיי־אַרבעט, יוגנט־אַקטיווקייט און ספּאָרט. אַ. לעיעלעס האָט בײַם באַגינען פֿון „אינזיך״ ריכטיק פֿאָרמולירט, אַז אַלץ, וואָס ייִדן שאַפֿן אויף ייִדיש, איז במילא ייִדיש, אומאָפּהענגיק פֿון דער טעמע. ווילנער ייִדישע פּאָעטן האָבן געשריבן ניט נאָר וועגן דעם שולהויף; בײַ קולבאַקן זײַנען דאָ לידער וועגן ווײַסרוסישע פּויערים און פּוילישע דוכוסן. בײַ שמשון כּהנען — וועגן ציגײַנער, בײַ סוצ־קעווערן — וועגן סיביר, בײַ לייזער וואָלפֿן — וועגן אַן אימאַגינערן פּאַריז. אָבער אַלע זײַנען זיי ייִדישע שאַפֿונגען.

די נײַע ייִדישע קולטור איז געווען אַ טייל פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער מערבֿ־קולטור און האָט געשעפּט פֿון אירע קונסט־אוצרות. אַזוי לאַנג ווי די פֿרעמדשפּראַכיקע ווערק זײַנען געקומען צום ייִדישן עולם אין אַן ייִדישן שפּראַך־לבֿוש האָבן זיי ניט שמעלער, נאָר ברייטער געמאַכט דאָס ייִדישע קולטורפֿעלד. קולבאַק האָט געשטעלט מיט די תּלמידים פֿון דער ווילנער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע שעקספּירס „יוליוס צעזאַר״ און ווײַלדס „סאַלאָמע״. די ווילנער ייִדישע קאָנסערוואַטאָריע האָט אויפֿגעפֿירט די אָפּערעס „קאַרמען״ און „האַלקאַ״, די אָפּערעטע „קאָרנעווילער גלאָקן״. דאָס זײַנען געווען ייִדישע אימפּרעזעס ניט אין קיין קלענערער מאָס, הגם אויף אַן אַנדער אופֿן, ווי די

פּורים־שפּילן, וואָס דער ווילנער ייִדישער לערער־סעמינאַר האָט אויפֿגע־לעבט ווי אַ טײַערע פֿאָלקס־ירושה. אַזוי לאַנג ווי דער ייִדישער לייענער האָט געהאַט אַ צוגאַנג צו דער וועלט־ליטעראַטור דורך ייִדישע איבערזעצונגען, איז ער געשטאַנען אויף אַ פֿעסטן אייגענעם באָדן (וואָס דאָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט אויסגעשלאָסן קיין גוטע קענטעניש פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך אָדער צוויי). דער קריזיס פֿון דער ייִדישער אידענטישקייט הייבט זיך אָן דעמאָלט, ווען עס קומט אויף די מחיצה צווישן „ייִדישע" און „אַלגעמיינע" טעמעס, ווען אַל דאָס „אַלגעמיינע" באַקומט מען אויף דער לאַנדשפּראַך און דעם „ייִדישן" סעקטאָר רעדוצירט מען צו עפּעס, וואָס דאַרף זײַן „ריין ייִדיש" און וואָס מוז ווערן כּסדר אַלץ שמעלער, ביז אָט דער ניט־עיקרדיקער צוגאָב הערט אויף צו שפּילן אַ ראָלע אין אייגעמס לעבן.

במשך פֿון די פֿינף און צוואַנציק יאָר פֿון זייער עקסיסטענץ האָבן די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אַרויסגעלאָזט פֿיל טויזנטער אַביטוריענטן און האָבן משפּיע געווען אַ סך אַנדערע יונגע ווילנער. צווישן זיי און זייערע פֿאָטערס, די קעמפֿערס פֿון 1905, די שולבויערס פֿון 1915, איז ניט געווען קיין ריס פֿון דורות ווי בשעתו צווישן די פֿאָטערס און זיידעס. וועגן זיי האָט מען געקאָנט זאָגן: „מעשׂי אָבות ירשו בנים". זיי זײַנען געווען דער ערשטער דור דערצויגן צו ווערן אין אַ סעקולאַרירטער ייִדישער סבֿיבֿה. די אַמאָליקע ליניע פֿון קאַמף צווישן טראַדיציע און אַפּיקורסות איז פֿאַר זיי פֿאַרבליבן ווײַט אַהינטער; דאָס ניט אָפּהיטן די דינים פֿון דת איז שוין פֿאַר זיי ניט געווען קיין אַקט פֿון מרידה. די פֿראַגעס „ווער איז אַ ייִד", „וואָס איז ייִדישקייט" (וואָס דאָס עצם שטעלן זיי איז אַ סימפּטאָם פֿון קריזיס) האָבן ניט עקסיסטירט פֿאַר זיי. זייער געפֿיל פֿון אָנגעהעריקייט צום ייִדישן ציבור איז געווען נאַטירלעך און אינטענסיוו. פֿרומע ייִדן האָבן איראָניזירט איבערן „לערנען חומש אָן היטלען", עס האָט אָבער אין דעם געשטעקט אַ טיפֿער היסטאָרישער סימבאָליזם. די הויכע מאָס ספּאָנטאַנישע אַקטיווקייט פֿונעם יונגן דור ווילנער אין ליטעראַטור, קונסט, מוזיק, טעאַטער און אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז געווען אַ באַווײַז פֿון זײַן וויטאַליטעט, פֿון זײַן ניט־איבערגעריסענער פֿאַרבינדונג מיטן שעפֿע־רישן ייִדישן עבֿר און פֿון זײַן אַחריות פֿאַרן ייִדישן עתיד.

די השׂכּלה־אידעאָלאָגיע האָט אין די אַכציקער יאָרן אָנטפּלעקט איר אומ־פֿעיִקייט צו פֿאַרענטפֿערן די קריטישע גרונטפֿראַגעס פֿונעם מיזרח־אייראָ־פּעיִשן ייִדנטום. אָבער אירע קאָנסטרוקטיווע אידעאַלן זײַנען ניט פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן, זיי האָבן נאָר באַקומען אַן אַנדער קאָנטעקסט און אַן אַנדער אָנווענ־דונג. דער אויסקוק פֿון די משׂכּילים איז געווען כּלפּי־חוץ, אויף צו געווינען דעם חסד פֿון דער ממשלה. דער אויסקוק פֿון דער וועלטלעכער ייִדישקייט איז געווען כּלפּי־פּנים, אויף צו מאַכן דאָס ייִדישע לעבן רײַכער און געזינטער.





מען האָט מער ניט געהאַט דעם נאַיִוון משׂכּילישן גלויבן, אַז אויפֿקלערונג איז אַן אַבסאָלוטע סגולה צו אַלע ייִדישע צרות, מען האָט אָבער פֿאַרשטאַנען איר רעלאַטיוון ווערט. דער געדאַנק פֿון פּראָדוקטיוויזאַציע און איבערשיכטונג איז געווען אַן אַלטער אידעאַל פֿון די משׂכּילים, נאָר אין זייער פּראָפּאַגאַנדע האָבן דאָמינירט אַפּאָלאָגעטישע טענער: „לאָמיר ווײַזן דער רעגירונג, דער גאַנצער לאַנד־באַפֿעלקערונג, אַז ייִדן זײַנען ניט קיין פּאַראַזיטן". אָט פֿון דער אומגעראָטענער פּראַזעאָלאָגיע נעמט זיך דאָס די פֿאַלשע השׂגה, וואָס מען קאָן איצט באַגעגענען אין דער ייִדישער פּובליציסטיק, אַז דער עצם געדאַנק וועגן דער אומנאָרמאַלקייט פֿון דער ייִדישער סאָציאַלער סטרוקטור אין דער צעשפּרייטונג איז אַן אַנטיסעמיטישע אויסטראַכטעניש. די שטרעבונג צו לאַבאָריזאַציע פֿון די ייִדישע מאַסן, וואָס איז געווען אַ שותּפֿישער פּאָסטולאַט פֿון אַלע דרײַ נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס — ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און גלות־נאַציאָנאַליזם — איז נאַטירלעך אויסגעוואַקסן פֿון די רעאַלע איבערבײַט־פּראָצעסן אינעם ייִדישן און אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן. זי איז עמאָציאָנעל פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן סאָציאַליסטישן קוק אויף אַרבעט ווי אויפֿן יסוד פֿון דער געזעלשאַפֿט און אויף דער אַרבעטערשאַפֿט ווי אויפֿן קלאַס פֿונעם עתיד.

די משׂכּילישע פֿירזאָגערס פֿון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָבן אויף אַלע אופֿנים אונטערגעשטראָכן זייער רוסישן פּאַטריאָטיזם, וואָס איז באַשטאַנען פֿון לאָיאַלן מאָנאַרכיזם און אומבאַגרענעצטער אָנערקענונג פֿון דער צאַרישער פּאָליטיק לגבי די פֿעלקער פֿון דער אימפּעריע. אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט סײַ זייער אייגענע עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פֿון דער רעגירונג, סײַ די האָפֿענונג צו דערנענטערן דערמיט די עמאַנציפּאַציע. אינעם נײַעם פּוילן זײַנען די ייִדן — אויפֿן פּאַפּיר — געווען גלײַך־באַרעכ־טיקטע בירגערס אויפֿן סמך פֿון רעכט און ניט פֿון חסד. זיי האָבן געקעמפֿט פֿאַר פֿאַקטישער בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער גלײַך־באַרעכטיקונג. אין זייער רובֿ, בפֿרט אין ווילנע, זײַנען זיי געווען אָפֿן אָפּאָזיציאָנעל צו דער רעגירונג. זיי זײַנען אָבער געווען טיף צוגעבונדן צום לאַנד, וואָס איז געווען ניט נאָר זייער געבורטלאַנד, ניט נאָר דאָס היימלאַנד פֿון זייערע פֿאָטערס און זיידעס, נאָר דאָס דורות־אַלטע וויגעלע פֿונעם רובֿ מנין ורובֿ בנין פֿונעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן פֿאָלק. אויב מען זאָל אָנהייבן די פּויליש־ייִדישע בלי־תּקופֿה פֿונעם יאָר 1264 (קאַלישער סטאַטוט), האָט זי געדויערט 679 יאָר ביזן אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ — לענגער ווי ס'האָט געהאַט עקסיסטירט דער בית ראשון (אַרום 375 יאָר) און דער בית שני (585 יאָר). אָט דאָס געפֿיל פֿון אײַנגעוואָרצלטקייט איז געווען כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פֿאַר די אַ"ג „דאָיִסטן", נאָר אויך פֿאַר די טעריטאָריאַליסטן אין די קריטישע

דרײַסיקער יאָרן. אין זייער באַנעם איז דאָס איבערגרופּירן זיך אויף אַן אייגענער טעריטאָריע געווען געבליבן צום אויסבויען אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט אונטערן היסטאָרישן בנין פֿונעם פּויליש־ייִדישן קיבוץ, אַ פֿאַרבאַדינג פֿון זײַן המשך און קיום אַנשטאָט אונטערגאַנג.

אין ווילנע, מיט אירע אַלטע דענקמעלער און היסטאָרישע זכרונות, איז די פֿאַרבינדונג געווען באַזונדערס שטאַרק און לעבעדיק. די שיינקייט פֿון דער שטאָט און די מאָלערישקייט פֿון דער געגנט האָבן באַווירקט דעם עסטעטישן חוש פֿון ווילנער ייִדן, אַרויסגערופֿן אַ מין עמאָציאָנעלן רעגיאָנאַליזם. די ווילנער ייִדן זײַנען געווען אינטעגרירט אין אין דרײַמיליאָניקן פּויליש־ייִדישן קיבוץ, אָבער אין זייערע פּאָעטישע שאַפֿונגען זײַנען ווילנע און ווילנער קאַנט געבליבן „ליטע“. ס׳האָט זיך בײַ זיי געשפּירט אַ לאָקאַלער ליטווישער, אָדער בעסער געזאָגט ליטוואַקישער, פּאַטריאָטיזם. אינטימע, טיף איבערגעלעבטע לירישע באַשרײַבונגען פֿון ליטווישע לאַנדשאַפֿטן געפֿינט מען בײַ די ווילנער פּאָעטן קולבאַק, וואָגלער, סוצקעווער.

צוזאַמען מיט אָט דעם רעגיאָנאַליזם, און אָן שום סתירה צו אים, איז געגאַנגען דאָס געפֿיל פֿון ייִדישער אַלוועלטלעכקייט. אַלץ, וואָס עס איז געשאַפֿן געוואָרן אין אַלע ווינקלען פֿון דער ייִדיש־רײדנדיקער וועלט, איז תּיכּף אויפֿגעכאַפּט געוואָרן ווי עפּעס אייגנס, אַלץ איינס, צי ס׳איז געקומען פֿונעם ווײַטן ניו־יאָרק צי פֿון די געאָגראַפֿיש אַזוי נאָענטע און פּאָליטיש אַזוי אָפּגעריסענע מינסק אָדער קיִעוו. די עטאַבלירונג אין ווילנע פֿונעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט די וויסיקייט און די ווירקונג פֿון ייִדישן אוניווערסאַליזם. די צוויי וועלט־קאָנפֿערענצן פֿון ייִוואָ אין ווילנע (1929 און 1935), די אָפֿטע באַזוכן פֿון אויסלענדישע געסט און רעפֿערענטן, דער עצם בנין פֿונעם ייִוואָ, זײַן ביבליאָטעק, זײַן פּרעסע־צימער, זײַנע זאַמלונגען („אַמסטערדאַם, וואָרמס, ליוואָרנע, מאַדריד און ייִוואָ“, לויט סוצקעווערס אַ ליד), זײַנע אַספּיראַנטורן — דאָס אַלץ האָט מאַניפֿעסטירט אורבי עט אָרבי, אַז אין יענע יאָרן איז דאָס ייִדישע וועלט־פֿאָלק געווען אַן אָביעקטיווער פֿאַקט און ניט קיין נאָסטאַלגישער באַגער.

די זעכציקער יאָרן פֿונעם נײַנצטן יאָרהונדערט זײַנען געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון פּאָזיטיוויזם מיט זײַן טראָפּ אויף פֿיזיק, כעמיע און ביאָלאָגיע. איינער פֿון די משׂכּילישע ענטוזיאַסטן פֿון די נאַטור־וויסנשאַפֿטן איז, כּידוע, געווען מענדעלע מוכר ספֿרים אינעם פֿריִען פּעריאָד פֿון זײַן שעפֿערישקייט. אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן איז נאַטור־וויסנשאַפֿט באַטראַכט געוואָרן ניט ווי אַ מאַגיש ווינטשפֿינגערל צו מאַטעריעלע גליקן, נאָר ווי אַן אומבאַדינגטער קאַפּיטל אין דער דערציִונג פֿון אַ נאָרמאַלן מענטשן. פּסיכאָלאָגיש האָט דאָ נאַטור־וויסנשאַפֿט געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע ווי אין די אַלגעמיינע שולן,





ווײַל ייִדן זײַנען במשך פֿון דורות געווען דערווײַטערט פֿון דער נאַטור און מען האָט געוואָלט דערוועקן אינעם ייִדישן קינד אינטערעס און ליבשאַפֿט צוביימער, בלומען, חיות און פֿייגל פֿון דער ברייטער און שיינער וועלט. פֿאַר אַ סך פֿון זיי האָבן אַפֿילו געפֿעלט ייִדישע נעמען, מען האָט געדאַרפֿט באַשאַפֿן אַ נײַע נאָמענקלאַטור, אַרויספֿירן די ייִדישע שפּראַך פֿון די שטאָטישע ווענט.

ניט נאָר די שפּראַך — די ייִדישע קינדער גופֿא האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿונעם ענגן פֿאַרשטיקטן גדר. זיי האָבן זיך באַהעפֿט מיט דער נאַטור ניט נאָר דורך ביכער, נאָר אויך, און דער עיקר, אין דירעקטן און שטענדיקן באַריר. איינע פֿון די גרעסטע דערגרייכונגען פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער דערציִונג איז געווען די רעוואָלוציע אינעם פֿיזישן לעבן פֿונעם יונגן ייִדישן דור. אַנשטאָט ביאַליקס משהלעך און שלמהלעך מיט „גופֿעלעך: שטרוי, רויך און פֿעדערלעך“ האָבן זיך באַוויזן געזונטע, אָפּגעברענטע, מוסקולירטע יונגען און מיידלעך, וואָס האָבן אָפּגעגעבן אַ גרויסן טייל פֿון זייער פֿרײַער צײַט פֿאַר אַלע מינים ספּאָרט, שווימען, שיפֿלען, גליטשן, שליטלען, וואַנדערן צו פֿוס אָדער אויפֿן ביציקל, וואָס האָבן פֿאַרבראַכט זומערס אויף קינדער־קאָלאָניעס פֿון די ייִדישע שול־ און געזונט־אָרגאַניזאַציעס אָדער אויף לאַגערן פֿון יוגנט־באַוועגונגען. די דאָזיקע דערשײַנונג האָט זיך ניט באַגרענעצט מיטן ייִדישיסטישן סעקטאָר; זי איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער אַלגעמיינער ייִדי־שער סעקולאַריזאַציע. בײַ דער ציוניסטישער יוגנט איז דאָס אָבער געווען מער צילגעווענדט און אידעאָלאָגיש מאָטיווירט, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ צוגרייטונג צו ארץ־ישׂראל. בײַ די ייִדישיסטן זײַנען די סטימולן געווען פּשוטערע און נאַטירלעכערע: „מיר זײַנען יונג און דאָס איז שיין“.

אָט וועגן דעם אין גאַנצן נײַעם, ביז דעמאָלט ניט באַקאַנטן קאַפּיטל פֿון ייִדישן לעבן, דערמאָנט מען זיך איצט לפֿי־ערך ווייניק. אינעם זכּרון בלײַבן דער עיקר די אויפֿטוען אויפֿן פֿעלד פֿון ליטעראַטור, ווײַל זיי קוקן אַראָפּ פֿון די ביכער־פּאָליצעס. ס׳איז אַ סך שווערער אויפֿצולעבן די שטימונגען, איבער־לעבונגען און אומצאָליקע, טאָג־טעגלעכע אַקטיוויטעטן פֿון טויזנטער ייִדישע יוגנטלעכע אינעם צווישן־מלחמות־פּעריאָד. מיט סטאַטיסטישע ציפֿערן, מיט אָפּגעראַטעוועטע פֿאָטאָגראַפֿיעס קאָן מען דאָ קיין סך ניט אויפֿטאָן. אַ בעסערע השגה קריגט מען פֿון אַ פּאָעטישן גבית־עדות, אָנגעשריבן אין גיכן נאָכן חורבן, ווען דער ווייטיק איז נאָך געווען שטאַרק און דער זכּרון פֿריש. מיר מיינען דאָ דעם קאַפּיטל ו פֿון חיים גראַדעס פּאָעמע „ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן“, וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורות: „און איר, מײַנע יונגע חבֿרים אין ווינטיקע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן,/צעלייגט האָט איר זיך אין די וועלדער אַרום אַ צעפֿלאַקערטן שײַטער,/און אויסגלײַכן האָט איר געפּרווט די געבוי־גענע גלידער פֿון טאָטן —/ווו זײַט איר אַצינדער, פֿאַרבראָנדזיקטע ייִנגלעך,

וווּ זײַט איר?״ דער גאַנצער קאַפּיטל — אַן אײַנדריקלעכער פּאָרטרעט פֿון דער נײַער ייִדישער יוגנט ערבֿ איר פֿאַרטיליקונג — בעט זיך איבערגעדרוקט צו ווערן, אָבער מיר נעמען אָן, אַז די לייענערס זײַנען באַקאַנט מיט גראַדעס שײַן פֿון אויסגעלאָשענע שטערן. מיר קאָנען אויך אינעם גדר פֿון אָט דעם איבערבליק זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַזעלכע ספּאָנטאַניש אויפֿגעקומענע יוגנט־באַוועגונגען ווי די ייִדישיסטישע „בין״ (1927־1934) און דער סאָציאַ־ליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער „שפּאַרבער״ *(1940־1933)*, הגם זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם אייגנאַרטיקן נוסח ווילנע.

אין ווילנע איז געקומען צום בולטסטן אויסדרוק די נײַע ייִדישע ציוויליזאַציע — אייראָפּעיִש לויט דער פֿאָרעם, ייִדיש לויטן אינהאַלט וואָס איז געזעצמעסיק אַרויסגעוואַקסן פֿון דער טויזנטיאָריקער אַנטוויקלונג פֿונעם אַשכּנזישן ייִדנטום. דאָרט האָבן זיך קלאָר מאַניפֿעסטירט איר שעפֿערישער פּאָטענציאַל און די שוואַכקייט פֿון איר מאַטעריעלער באַזע. זי האָט פֿאַרמאָגט אַלע קריטעריעס פֿון אויטאָנאָמער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ — חוץ איינער. זי האָט געהאַט אַ לאַנגע ניט־איבערגעריסענע געשיכטע, אַן אייגענע דינאַמישע שפּראַך, אַ ליטעראַטור, אַ פּרעסע, אַ שולוועזן, אַ צעצווײַגטע נעץ געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, פּראָפֿעסיאָנעלע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע פּאַרטייען, אַן אידעאַליסטישע יוגנט. זי האָט ניט געהאַט קיין רשות איבער איר אייגענעם גורל.